**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/10/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 2.4 מיליאן דאלער אויף דורכצופירן רייניגונג פון זעקס פאראומרייניגטע ערטער**

***פראָפּערטיס אין סירעקיוס, בעדפארד, ניובורג, ראום און פולטאן אנטיילצונעמען אין סטעיט׳ס ענווייראנמענטאלע אויפריכטונג פראגראם***

***גרענטס העלפן מוניציפאליטעטן אויפרייניגן פאראומרייניגטע ערטער, באשיצן קאמיוניטיס און פארשטערקערן ארטיגע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן 2.4 מיליאן דאלער אין גרענטס צו העלפן פינף מוניציפאליטעטן אויפרייניגן אומריינקייט אויף זעקס ערטער געצילט אויף איבערבויען. די שטאט סירעקיוס, שטאט בעדפארד, שטאט ניובורג, שטאט ראום און שטאט פולטאן וועט יעדע באזונדער באקומען פינאנצירונג דורכ׳ן ענווייראנמענטאלע אויפריכטונג פראגראם, וועלכס ווערט אנגעפירט דורכ׳ן סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג, און וועלכס העלפט ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן אויפרייניגן ערטער מיט היסטארישע באאומרייניגונג און צוריקברענגען די פּראָפּערטיס אויף ניצבארקייט.

״מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו די אנגייענדע נאכיאגן ענווייראנמענטאלע און עקאנאמישע אויפריכטונג אין יעדן ווינקל פון אונזער סטעיט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך בין אויפגעוואקסן נעבן א שטאל פאבריק וועלכס האט איבערגעקערט לעיק ערי אויף א דאָמפּינג שטח פאר גיפטיגע מיסט, און איך ווייס ערשט-האנטיג די קראפט און פאטענציעל פון אזעלכע אויפרייניגונג פראיעקטן אויף איבערצומאכן א קאמיוניטי. די פראיעקטן וועלן ארויסבלאזן א נייע חיות אין קאמיוניטיס וועלכע זענען צו לאנג איגנארירט געווארן דורך טראנספארמירן באאומרייניגטע און אומניצבארע ערטער אויף מאטארן פון עקאנאמישע פראדוקטיוויקייט.״

דער ענווייראנמענטאלע אויפריכטונג פראגראם (ERP) איז געשאפן געווארן אין 1996 און באזארגט גרענטס צוריקצוצאלן בארעכטיגטע קאסטן ביי מוניציפאל-באזיצטע בראָונפילד פּראָפּערטיס צו העלפן שטיצן איבערארבעטונג. דער סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (DEC) האט אויפזיכט אויף ERP אויפרייניגונג, מיט א סך הכל פון 140 ערטער פארענדיגט געווארן ביז אהער. פינאנצירונג פאר די גרענטס קומט הויפטזעכליך דורך דער סטעיט׳ס געפארפולע מיסט אויפרייניגונג אקאונט וואו ביז 10 מיליאן דאלער א יאר ווערט געניצט אויף אויסצופארשן און אויפרייניגן ERP ערטער אין קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט. די שטאט סירעקיוס, טאון בעדפארד, שטאט ניובורג, שטאט ראום, און שטאט פולטאן וועט יעדע ארייננגיין אין פינאנצירונג אפמאכן מיט DEC, מיט די מוניציפאליטעט פאראנטווארטליך פאר א 10 פראצענטיגע טייל פון די קאסט פון דעם פראיעקט.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״אונזער ענווייראנמענטאלע אויפריכטונג פראגראם איז איינע פון עטליכע ערפאלגרייכע שטיצע-מיטלען וואס ניו

יארק סטעיט ניצט אויס אויף צו באלוינען די אויספארשונג און אויפרייניגונג פון באאומרייניגטע ערטער איבער׳ן סטעיט כדי אז קאמיוניטיס קענען צוריקברענגען די פּראָפּערטיס אויף ניצבארקייט און אדרעסירן געזונטהייט און ענווייראנמענטאלע ריזיקעס. מיט סיי די קריטיש-וויכטיגע פארבעסערונגען געמאכט דורכאויס דעם בויען צו די בראונפיעלד אויפרייניגונג פראגראם און סיי די היינטיגע ERP אויסמעלדונג פאר די זעקס קאמיוניטיס, זעצט פאר ווייטער גאווערנער האקול צו העלפן אויפלעבן געגנטער און בויען שטערקערע, געזונטערע קאמיוניטיס.״

צו דערגאנצען עפנטליך פינאנצירטע אויפרייניגונג ארבעט אונטערגענומען דורך מוניציפאליטעטן דורך דעם ERP, האט גאווערנער האקול פינאנץ-יאר 2023 דורכגעפירטער סטעיט בודזשעט פארברייטערט און אויסגעצויגן ניו יארק סטעיט׳ס בליענדע בראונפיעלד אויפרייניגונג פראגראם (BCP), וועלכס העלפט טרייבן פריוואטע אינוועסטירונג אין איבער אויסארבעטן באאומרייניגטע פּראָפּערטיס. דער בודזשעט טוט ווידער אויטאריזירן דעם פראגראם אויף 10 יאר און פארבעסערט דעם BCP דורך באלוינען אויפרייניגונג אין קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן. אין צוגאב טוט דער פראגראם ווידער-באשטעטיגן גאווערנער האקול׳ס אנטשלאסנקייט צו צוגענגליכע האָוזינג אנטוויקלונג דורך פארברייטערן דעם אוניווערס פון צוגענגליך האָוזינג פראגראמען בארעכטיגט פאר BCP פּראָפּערטי שטייער קרעדיטס, באזארגן העכסט-נויטיגע בענעפיטן צו באלוינען דער ווידער-אנטוויקלונג פון בראָונפילדס אלס העכסט-נויטיגע צוגענגליכע האָוזינג. ווייטער טוט דער BCP איצט מוטיגן דאס אנטוויקלען געוויסע באנייבארע ענערגיע איינריכטונגען, מיט נייע שטייער קרעדיטס, צו העלפן פאקוסירן BCP-געטריבענע ווידער-אנטוויקלונג און נאכקומען די סטעיט׳ס אמביציעזע קלימאט צילן.

פראיעקטן וועלכע באקומען פינאנצירונג אלס טייל פון דער לעצטער רונדע פון ERP גרענטס רעכענען אריין:

**__אניידע קאונטי__**

**שטאט ראום: 1,100,261 דאלער**

דער 1030 איסט דאָמיניק סטריט ארט איז א געוועזענע גאזאלין סטאנציע וואס גייט נאך צוריק צו די 1950׳ער יארן. אין 1999, זענען די דריי אונטערערדישע סטאָרעדזש טאנקען (USTs) אוועקגעפירט געווארן, און זינט דעמאלס האט דער ארט אפערירט אלס אן אויטאמאביל אויסהאלט און פארריכטונג ארט. די פינאנצירונג וועט געניצט ווערן אויף איינצופירן דער DEC׳ס אויפרייניגונג פלאן וואס וועט אדרעסירן ערד און אונטער׳ן-ערד וואסער באאומרייניגט דורך אומסטאבילע ארגאנישע כעמישע פארבינדונגען (SVOC׳s).

**__אנאנדאגא קאונטי__**

**שטאט סירעקיוס: 472,770 דאלער**

דער זיפּ-זיפּ מיני-מארקעט ארט אפערירט אלס א ריטעיל גאזאלין ביזנעס ביז 1997, ווען א פייער האט חרוב געמאכט די סערוויס געביידע. באאומרייניגונג איז אנגעבליך די רעזולטאט פון פיר אונטערערדישע סטאָרעדזש טאנקען, וועלכע זענען איבערגעלאזט געווארן ביי דער פּראָפּערטי אן צו ווערן פאסיג פארשלאסן. די פינאנצירונג וועט געניצט ווערן אויף איינצופירן דער DEC׳ס אויפרייניגונג 1997פלאן וואס וועט אדרעסירן ערד און אונטער׳ן-ערד וואסער באאומרייניגט דורך VOC׳s, SVOC׳s, פעסטיסיידס, און מעטאלן ווי בליי און זינק.

**__וועסטשעסטער קאונטי__**

**טאון בעדפארד: 386,911 דאלער**

דער קראשער ראוד ארט איז געווען דער ארט פון דעם טאָון אָוו בעדפארד דעפארטמענט פון פובליק ארבעטשאפט אויף איבער 50 יאר. די פינאנצירונג וועט געניצט ווערן אויף איינצופירן דער DEC׳ס אויפרייניגונג פלאן וואס וועט אדרעסירן ערד און אונטערערדישע וואסער באאומרייניגט דורך VOC׳s,

ספעציפיש טעטראַכלאָראָעטעלין (PCE) און איר פארבינדענע אומגעוואונשענע פראדוקטן (טרייכלאראעטין, דייכלאראעטעין, און ווייניל כלארייד).

**<u>אסוועגא קאונטי</u>**

**שטאט פולטאן: 225,007 דאלער**

דער 308 העריסאן סטריט (געווזענע 'פולטאן מאָל') ארט איז גענוצט געווארן פאר פאבריצירונג פון 1907 ביז 1955. היסטארישע צייטונגען גיבן אן אז דער ארט איז געווען גענוצט אלס אן אומלעגאלע מוניציפאלע סאָליד מיסט דאָמפינג ארט פאר ווייניגסטנס איין יאר, ארום 1916. דער ארט איז גענוצט געווען אלס א באוועגיגע און סטאָרעדזש איינריכטונג פון 1960 ביז די מיטל -1970'ער יארן. אין לעצטערע צייטן איז עס געווען דער ארט פון 'פולטאן מאָל', וועלכס איז צעווארפן געווארן אין הערבסט 2003. דער גרענט וועט גענוצט ווערן אויף איינצופירן דער DEC'ס אויפרייניגונג 308פלאן וואס וועט אדרעסירן אין-ערדישע און אונטערערדישע וואסער באאומרייניגט דורך VOC'ס, SVOC'ס, און מעטאלן ווי קופער און בליי.

**<u>אראנדזש קאונטי</u>**

**שטאט ניובורג: 73,064 דאלער**

דער 7-11 דזשאנעס סטריט ארט איז א געווזענע דריי-קלינינג ביזנעס וואו פעטראָליום איז געהאלטן געווארן אונטער דער ערד. דער ביזנעס האט זיך געעפנט אין 1954 און אפערירט פאר אומגעפער 40 יאר בעפאר דער שטאט ניובורג האט גענומען די פראָפערטי פאר אומבאצאלטע שטייערן. דער גרענט וועט גענוצט ווערן איינצופירן דער DEC'ס אויפרייניגונג 1954פלאן וואס וועט אדרעסירן אין-ערדישע און אונטערערדישע וואסער באאומרייניגט דורך VOC'ס, SVOC'ס, און מעטאלן ווי בליי און קוועקזילבער.

**שטאט ניובורג: 120,212 דאלער**

דער 350-352 ליבערטי סטריט ארט איז א געוועזענער גאזאלין סטאנציע וואס אפערירט פון 1954 ביז די מיטל -1980'ער יארן. דער ארט פארמאגט עטליכע UST'ס און איין איבערן-ערדישע סטאָרעדזש טאנק. דער גרענט וועט גענוצט ווערן אויף איינצופירן דעם DEC'ס אויפרייניגונג <u>פלאן</u> וואס וועט אדרעסירן אין-ערדישע און אונטערערדישע וואסער באאומרייניגט דורך VOC'ס, SVOC'ס, און מעטאלן ווי ארסעניק, בליי און קווועקזילבער.

פאר מער אינפארמאציע איבער די ERP, BCP, און אנדערע DEC אויפרייניגונג פראגראמען, באזוכט https://www.dec.ny.gov/chemical/brownfields.html.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418